ייִוואָ

# זומער אין ניו־יאָרק

ZUMER IN NYU-YORK

YIVO
INSTITUTE
FOR JEWISH
RESEARCH

# YIDDISH SUMMER TIMES

VOLUME 1, NUMBER 1 • SUMMER 2001 • באַנד 1, נומער 1 • זומער תשס״א

בולעטין פֿאַר געוועזענע באַטייליקטע אין דער פּראָגראַם פֿון ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור א״נ אוריאל ווײַנרײַך

Alumni Newsletter of the Uriel Weinreich Program in Yiddish Language, Literature and Culture

## אַ בירָאָבידזשאַנערין אַ ייִדיש־לערערקע

**יעלענאַ ביעליאַיעוואַ (אַלומ׳ 96׳), בריוו פֿונעם 30סטן יוני 2000**

מיט איר פֿרעגבויגן האָט די געוועזענע זומער־פּראַגראַמניצע יעלענע ביעליאַיעוואַ אַרײַנגעשיקט אויך דעם ווײַטערדיקן באַריכט וועגן אירע טעטיקייטן אין פֿעלד פֿון ייִדיש אין בירָאָבידזשאַן. אָנגעהויבן האָט זי איר בריוו מיט אַ באַמערקונג וועגן זומער אין ניו־יאָרק און דער זומער־פּראָגראַם:

—דאָס וועט זײַן אַ גוטער משל פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער ייִדישער שפּראַך. שוין פֿיר יאָר זײַנען אַוועק זינט דער צײַט ווי כ׳האָב זיך באַטייליקט אין דער זומער־פּראָגראַם, נאָר די השפּעה פֿיל איך ביז איצט. כ׳אַרבעט שוין כּמעט 6 יאָר אין בירָאָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויפֿן פֿאַקולטעט פֿון אויסלענדישע שפּראַכן ווי אַ לערער פֿון ייִדיש. ייִדיש לערנט מען דאָ ווי אַ צווייטע שפּראַך. בײַ מיר זײַנען פֿאַראַן דרײַ קליינע גרופּעס (אַרום 30 סטודענטן). כאָטש די מערהייט פֿון זיי זײַנען ניט קיין ייִדן, ווײַזן זיי אַרויס אַן אינטערעס און דרך־ארץ פֿאַר דער ייִדישער קולטור און שפּראַך, וואָס האָבן אַ מאָל עקזיסטירט אין בירָאָבידזשאַן. יעדער טאָג האָבן די סטודענטן איין אָדער צוויי לעקציעס פֿון ריידשפּראַך, געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך אָדער מעטאָדיק פֿון לערנען ייִדיש אין שול. די סטודענטן פֿירן אויך אַ וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט אויפֿן געביט פֿון לינגוויסטיק. גרייטנדיק די לעקציעס ניץ איך אויס די מאַטעריאַלן וואָס כ׳האָב באַקומען דווקא אויף דער זומער־פּראָגראַם. כ׳קען זאָגן אַז די אַלע לערערס האָבן פֿאַר מיר ברייט געעפֿנט די טויערן אין דער וועלט פֿון ייִדישער קולטור.



ROBIN SALANT

כ׳בין אויך אַ מיטגליד פֿון דער ייִדישער קהילה „פֿרייד", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט דרײַ יאָר צוריק. כ׳אַרבעט דאָרטן ווי אַ קאָאָרדינאַטאָר פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקס־אוניווערסיטעט. דרײַ מאָל אַ וואָך קומען זיך צונויף מענטשן וואָס ווילן זיך דערמאָנען אָדער דערוויסן פֿון ס׳נײַ וועגן זייערע ייִדישע וואָרצלען. דערויף האָט מען געעפֿנט אַ ייִדיש־קלאַס. יעדער זונטיק קומען עלטערן מיט די קינדער (אַרום 10 מענטשן) צו הערן אַ וואָרט אויף ייִדיש. מיר לייענען, זינגען און שמועסן אויף ייִדיש. צום באַדויערן זײַנען אַ סך ייִדן שוין אַוועק אָדער געשטאָרבן.

אָפֿט מאָל פֿיר איך מעטאָדישע סעמינאַרן פֿאַר לערערס פֿון דעם שטאָטישן ייִדישן קינדער־גאָרטן, פֿון דער זונטיקשול און פֿון דער ייִדישער מלוכישער שול. איך האָף, אַז די אַלע מײַנע אַקטיוויטעטן העלפֿן אויפֿהאַלטן ייִדיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך.

אײַער פּובליקאַציע וועט מיר אויך העלפֿן צו באַקענען זיך מיט אַנדערע „ייִדישע" לערערס וואָס אַרבעטן אין פֿאַרשיידענע ייִדישע אינסטיטוציעס. אַ דאַנק אײַך פֿאַרן מערקווירדיקן פּראָיעקט.

## YIDDISH TEACHER IN BIRO-BIDZHAN

**From Helena Belyaeva's (alum '96) letter, June 30, 2000**

For the past six years I have worked as a Yiddish teacher in the Department of Foreign Languages at the Biro-Bidzhan Pedagogical Institute. We have about 30 students, and although most are not Jewish they have an interest in and respect for the Yiddish culture and language that once existed in Biro-Bidzhan. The students take courses in conversation, the history of Yiddish literature, and pedagogical methods. To prepare lectures I use materials I received in the zumer-program. All of my teachers helped open the doors to the world of Yiddish culture. I also work for the Jewish community organization "*Freyd*," teaching Yiddish and helping members of the community explore their Jewish roots. I hope that all my activities will help maintain Yiddish as a living language.

# INAUGURAL ISSUE

Alumni Updates. . . . . . . . . . . . . . 1, 5, 8
Alumni Photos* . . . . . . . . . . . . . . . . 1-8
Director's Greetings. . . . . . . . . . . . . . . 2
Modicut Yiddish Puppet Theater . . . . 3
YIVO and Yiddish on the Internet . . . 3
Dr. Schaechter Looks Back. . . . . . . . . 4
Summer 1968 (Or Year One). . . . . 4, 6
Yiddish Activity at YIVO . . . . . . . . . 6-7
Friends of the *Zumer-program* . . . . . 8

*Courtesy of YIVO Archives unless otherwise noted

# WELCOME ALUMNI!

**by Yankl Salant (alum '85), Director of Yiddish Language Programs**

I am proud to inaugurate *Zumer in nyu-york: Yiddish Summer Times*, the first alumni publication of the Uriel Weinreich Program in Yiddish Language, Literature and Culture. Past participants of the program, including students, faculty and staff, will now have a network through which to communicate and connect. I hope it may also help reacquaint "lost alumni" with the vibrant intellectual life of YIVO.

Readers can expect to see in this and coming issues profiles of alumni and reports on their projects, remarks by faculty, and announcements of Yiddish-related publications and happenings at YIVO. Send us your news. We would love to hear from you.

Heartfelt thanks are due to the Aaron and Sonia Fishman Foundation for Yiddish Culture, which provided the funds for this publication.

Simultaneously with the production of the newsletter, we are compiling a database of the information received over the last year from alumni questionnaires. If you did not receive one, see the box on page 6.

# זײַט באַגריסט!

**פֿון יאַנקל סאַלאַנט (אַלומ' 85'), דירעקטאָר פֿון ייִדיש־שפּראַך־פּראָגראַמען**

מיט שטאָלץ הייב איך אָן זומער אין ניו־יאָרק, דער ערשטער בולעטין פֿאַר געוועזענע באַטייליקטע אין דער פּראָגראַם אין ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור א"נ אוריאל ווײַנרײַך. געוועזענע אָנטייל־נעמערס, אַרײַנגערעכנט תּלמידים, לערערס און אַנדערע מיטאַרבעטערס, וועלן איצט האָבן אַ מין נעץ דורך וועלכער זיך צו קומוניקירן און פֿאַרבינדן. איך האָף, אַז סע וועט אויך דינען די וואָס האָבן זיך עפּעס פֿאַרבלאָנדזשעט, ווי אַ מיטל צוריקצוקומען אינעם שפּרודלדיקן אינטעלעקטועלן ייִוואָ־לעבן.


ROLAND MILLMAN

אין דעם און אין קומעדיקע נומערן קענען זיך ריכטן די לייענערס אויפֿן זען איבערבליקן פֿון געוועזענע באַטייליקטע, באַריכטן וועגן זייערע פּראָיעקטן, באַמערקונגען פֿון די לערערס, מעלדונגען וועגן ייִוואָ־פּובליקאַציעס און ־אַקטיוויטעטן מיט אַ שײַכות צו ייִדיש. שיקט אונדז אײַערע נײַעס. מיר ווילן פֿון אײַך הערן.

אַ האַרציקן דאַנק דער אַהרן און סאָניע פֿישמאַן־פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער קולטור, וואָס האָט געשטיצט דעם פּראָיעקט מיט די אָנהייב־געלטער.

אין דער זעלביקער צײַט וואָס מיר גיבן אַרויס דעם בולעטין שטעלן מיר צונויף אַ דאַטן־באַזע מיט אינפֿאָרמאַציעס באַקומענע פֿון די פֿרעגבויגנס איבערן יאָר. אויב איר האָט נישט באַקומען קיין פֿרעגבויגן, זעט די אינסטרוקציעס אינעם קעסטל אויף זײַטל נומער 6.

*Zumer-program* faculty, 1970: from right, Mordkhe Schaechter, Marvin Herzog, Yadja Zeltman, David Gold and Shmuel Lapin.

זומער־פּראָגראַם־לערערס, 1970: פֿון רעכטס, מרדכי שעכטער, מיכל הערצאָג, יאַדיאַ זעלטמאַן, דוד לייזער גאָלד און שמואל לאַפּין.



PHOTOS COURTESY OF YADJA ZELTMAN



*Zumer-program* faculty, 1977: from right, Steven Lowenstein, David Roskies, Irena Klepfisz, Chava Lapin, Mordkhe Schaechter and Yadja Zeltman.

זומער־פּראָגראַם־לערערס, 1977: פֿון רעכטס, שלמה לעווענשטיין, דוד ראָסקעס, אירקע קלעפּפֿיש, חוה לאַפּין, מרדכי שעכטער און יאַדיאַ זעלטמאַן.

**ZUMER IN NYU-YORK זומער אין ניו־יאָרק**
**Yiddish Summer Times**

**YIVO Institute for Jewish Research**
**ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט – ייִוואָ**
15 West 16 Street • New York, NY 10011-6301
tel 212/246.6080 • fax 212/292.1892
www.yivoinstitute.org

Bruce Slovin, Chairman of the Board
Dr. Carl Rheins, Executive Director
Ella Levine, Director of Development and External Affairs
Dr. Paul Glasser, Associate Dean
Yankl Salant, Director of Yiddish Language Programs

PRODUCTION STAFF
Editor, Yankl Salant
Design and Layout, Yankl Salant
Contributors
Helena Belyaeva, Alisa Braun, Marc Caplan, Elise Fischer, Shaindel Fogelman, Donna Gallers, Paul (Hershl) Glasser, Chava Lapin, Benyomin Moss, Edward Portnoy, Carl Rheins, Mordkhe Schaechter, Yermiahu Ahron Taub, Yuri Vedeniapin, Yadja Zeltman

# MODICUT PUPPET THEATRE:
## MODERNISM, SATIRE, AND YIDDISH CULTURE

**By Edward Portnoy (alum ’93), Ph.D. candidate in Modern Jewish Studies, JTSA**

The Modicut Yiddish puppet theater was created by artists Zuni Maud and Yosl Cutler, both of whom were connected with the literary group, *Di Yunge*, whose books and journals they illustrated. Maud and Cutler met in the early twenties in the offices of the Yiddish satire journal, *Der groyser kundes*, where they were working as cartoonists. In 1925 they were hired by Maurice Schwartz to create the scenery for his Art Theater’s production of Goldfaden’s *Di Kishef-makherin*. Schwartz requested that the two artists create puppets for a particular scene, though eliminated it prior to the premiere. Maud and Cutler brought their rejected puppets back to their studio and remade them into two Jewish characters. This was the genesis of their first puppet play, *Der magid*, a religious satire. In a short time, they wrote a number of plays, including a modern variation of a *purim-shpil*, a parody of An-ski’s *Der dibek* and others. In addition, they performed works written for their theater by Moyshe Nadir and Avrom Reisen as well as adaptations of works by Sholem Aleichem.



A program cover for the Modicut puppet theatre (1925-1926).
אַ פּראָגראַם פֿאַרן מאַריאָנעט־טעאַטער מאָדיקאָט (1925-1926).

Their first theater, on 12th Street near Second Avenue in New York, was initially housed in an old children’s clothing factory in which cutting tables and some machinery were left about for effect. Popular with intellectuals and general audiences alike, their nine shows per week received critical acclaim in the Yiddish press as a unique experience in Jewish theater. It was clear that they were aware of the initial novelty of their act and they offered their audiences post-performance lectures on the history of puppet theater by such critics as Dr. Aleksander Mukdoyni and historian Yankev Shatzky.

The performances were at first mostly folkloric, anti-clerical comedies but grew to become more politically oriented, while retaining a folksy and satiric edge. The puppets were grotesques and their sets tended toward the surreal. The anti-boss, anti-landlord themes of their shows appealed to thousands of disaffected workers on New York’s Lower East Side and in Jewish working communities throughout the U.S.

After achieving significant fame in the U.S., Modicut toured Europe during the winter of 1929-30, performing shows in Western and Eastern Europe, where they were well received critically and by audiences. Not surprisingly, they were enormously successful in Poland and received much critical praise from Yiddish intellectuals and literary figures such as Nakhmen Maisel and Meylekh Ravitch for the 200 sold-out shows they performed in Warsaw. The following year, they toured the Soviet Union and achieved similar success with Soviet audiences and critics.



From right: Zuni Maud, Bessie Maud and Yosl Cutler on tour of the USSR in 1932.
פֿון רעכטס: זוני מאָוד, בעסי מאָוד און יאָסל קאַטלער אויף אַ טור פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, 1932.

Maud and Cutler disbanded their partnership and their theater in mid-1933. Cutler was killed tragically in an auto accident in 1935. Reports in the *Morgn-frayhayt* estimated a crowd of 15,000 at his funeral. Maud continued creating and performing Modicut on his own, but never achieved the popularity that he arrived at with Cutler.



King Akhashveyresh from Modicut’s *purim-shpil*, *Akhashveyresh*.
אַחשוורוש המלך פֿונעם פּורים־שפּיל פֿון מאָדיקאָט, **אַחשוורוש**.

IMAGES THIS PAGE COURTESY OF EDWARD PORTNOY

**Yiddish on the Web** **ייִדיש אויפֿן „וועב“**

Visit the YIVO Website: גייט אין ייִוואָ־וועבזײַטל:
**www.yivoinstitute.org**

At the following website, you will find links to many other sites with Yiddish content:
אינעם ווײַטערדיקן וועבזײַטל קען מען געפֿינען פֿאַרבינדונגען מיט אַ סך אַנדערע ייִדיש־רעסורסן:
**www.yiddishvoice.org**

# I HAVE HAD THE PRIVILEGE

**by Mordkhe Schaechter**

I have had the privilege of being an instructor in the Uriel Weinreich Program since its inception — in fact the only one to teach all these years almost without interruption. Max Weinreich recruited me for the program while it was still in its planning stages. Naming the program after his brilliant son who had died before his time seemed to be the most beautiful way to immortalize him.

I recall a scene from the first *siyem-hazman* (graduation ceremony). When one of the seven 1968 graduates, Timothy Hendel, a visually impaired man who found out about *mame-loshn* by listening to the Yiddish transmissions of Radio Bucharest, read his *siyem* speech from Braille notes, Max Weinreich's eyes filled with tears.

My experiences in the program have almost all been extremely positive: good, enthusiastic students; a warm atmosphere; a feeling that we are not wasting time, but rather reaching for the very highest level.

The Uriel Weinreich Program is not only chronologically the first Yiddish summer program, but also the most thorough and prestigious. And in the coming years we expect it to continue to grow. Here *mame-loshn* is taught as a spoken, living language, not as a mere research tool. Among the many accomplishments of the Uriel Weinreich Program, this is perhaps the most significant of all.



Dr. Mordkhe Schaechter taught in the *zumer-program* almost without a break from 1968 through 2000. In summer 2001 he is on a well-deserved sabbatical. Here he is in his classroom in 1979.

ד״ר מרדכי שעכטער איז געווען אַ זומער־פּראָגראַם־לערער כּמעט אָן אַן אויפֿהער פֿון 1968 ביז 2000. זומער 2001 נעמט ער נעמט אַ כּשר פֿאַרדינטע הפֿסקה. אָט איז ער אין זײַן קלאַסצימער אין יאָר 1979.

# כ׳האָב געהאַט די זכיה

**פֿון מרדכי שעכטער**

כ׳האָב געהאַט די זכיה צו זײַן אַ לערער אין דער זומער־פּראָגראַם א״נ אוריאל ווײַנרײַך פֿונעם ערשטן טאָג אָן – פֿאַקטיש דער איינציקער סטאַבילער לערער די אַלע יאָרן. צוגעצויגן צו דער פּראָגראַם נאָך איידער זי איז אויפֿגעקומען האָט מיך מאַקס ווײַנרײַך. ער האָט אין איר דערזען די שענסטע פֿאַראייביקונג פֿון זײַן אַזוי פֿרי אַוועקגעגאַנגענעם גשניאַלן זון, אוריאל ווײַנרײַך.

ס׳געדענקט זיך מיר אַ סצענע פֿונעם ערשטן סיום־הזמן (1968). ווען איינער פֿון די זיבן אַרויסלאָזניקעס, טימאָטי הענדעל, אַ סגי־נהור, וואָס האָט זיך דערוווּסט וועגן מאַמע־לשון דורך הערן די ייִדיש־טראַנסמיסיעס פֿון ראַדיאָ בוקאַרעשט, האָט אַראָפּגעלייענט זײַן סיום־רעדע פֿון ברײַל־נאָטיצן, האָבן זיך מאַקס ווײַנרײַכס אויגן אָנגעפֿילט מיט טרערן.

כּמעט אָן אַן אויסנעם האָב איך געהאַט גאָר פּאָזיטיווע איבערלעבונגען: גוטע, ענטוזיאַסטישע סטודענטן; אַ וואַרעמע אַטמאָספֿער; אַ געפֿיל, אַז מיר פּטרן נישט קיין צײַט, נאָר פּרוּוון דערגרייכן טאַקע אַ מאַקסימום. און דער ניוואָ – באמת אַ הויכער.

די זומער־פּראָגראַם איז נישט נאָר כראָנאָלאָגיש די ערשטע, נאָר אויך, דאַכט זיך, די גרונטיקסטע, די חשובֿסטע. און אין די קומעדיקע יאָרן ריכטן מיר זיך, אַז זי וועט וואַקסן ווײַטער און ווײַטער. ס׳איז אַ פּראָגראַם, ווו מע לערנט מאַמע־לשון ווי אַ גערעדטע, לעבעדיקע שפּראַך, נישט נאָר ווי אַ פֿאָרש־מיטל. צווישן די כּלערליי אויפֿטוען פֿון דער אוריאל ווײַנרײַך־פּראָגראַם איז דאָס אפֿשר דער גרעסטער.

## יאָר 1968 (אָדער דער בראשית פֿון זומער־פּראָגראַם)

„די אוצרות, וואָס וואָלטן געקענט אין אַזאַ גרויסער מאָס באַרײַכערן די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן בײַ ייִדן, ווי אויך בײַ לײַטן – ניצט מען ווייניק אויס. פֿאַר וואָס? וואָרן זיי – פּינקסים, אַקטן, פּראָטאָקאָלן, בריוו־זאַמלונגען, טאָגביכער, צײַטונגען און זשורנאַלן – זענען ס׳רובֿ אויף ייִדיש, וואָס קיין סך פֿאָרשערס קענען נישט. כּדי דאָס צו פֿאַרבעסערן האָט דער ייִוואָ פֿאַרטראַכט און דורכגעפֿירט די פּראָגראַם וואָס איז איצט אונטער דער בשותּפֿותדיקער אָנפֿירונג פֿונעם קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט און דעם ייִוואָ". דער אויבנדיקער אויסצוג פֿון אַן אַרטיקל אין די ידיעות פֿון ייִוואָ (נומ׳ 106, מאַרץ 1968) גיט איבער די סיבה פֿאַר וואָס מע האָט געגרינדעט די פּראָגראַם פֿון ייִדישער שפּראַך א״נ אוריאל ווײַנרײַך (ערשט מיט דרײַ יאָר שפּעטער האָט מען צוגעגעבן צום טיטל די ווערטער „ליטעראַטור און קולטור").

די פּראָגראַם, אונטערן פּאַטראָנאַט פֿון דער אַטראַן־פֿונדאַציע, איז לכתּחילה געווען פֿאַרטראַכט פֿאַר פֿערטיאָרלערס פֿון מיטלשול, זיי זאָלן דאָ אָנהייבן די ייִדיש־לימודים און זיך ווײַטער לערנען אין אוניווערסיטעט. דער ערשטער דירעקטאָר איז געווען ד״ר מיכל הערצאָג. די פּראָגראַם איז בײַם אָנהייב געווען אַן אַכטוואָכיקער עלעמענטאַרער קורס, נישט פֿאַר קרעדיט. די לערערס פֿון די אינדערפֿרײַקע קלאַסן זענען געווען ד״ר מרדכי שעכטער און ד״ר יאַנקל מאַטיסאָף; נאָך מיטאָג האָט מען צוו״אַ געלערנט ייִדיש געזאַנג און אַרומגעפֿאָרן באַקוקן די שטאָט ניו־יאָרק. דאָס ערשטע יאָר איז געווען ממש אַ וווּנדער!

# אַ יונגער מאָסקווער נעמט אַ וואָרט אין ייִדיש

**יורי וועדעניאַפּין (אַלומ׳ 00׳)**

ווען איך בין אין יאָר 1980 געבוירן געוואָרן האָט זיך קיינער אין מײַן משפּחה ניט געריכט, אַז כ׳וועל זיך אַ מאָל פֿאַרנעמען מיט ייִדיש און פֿאָרן צוליב דעם קיין ניו־יאָרק. מײַנע טאַטע־מאַמע האָבן קיין ייִדיש ניט געקענט (עס איז אין מײַן משפּחה פֿאַרלאָרן געוואָרן מיט עטלעכע דורות צוריק), און קינדווײַז האָב איך די שפּראַך בכלל נישט געהערט. כ׳האָב אַפֿילו כּמעט גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן ייִדיש, נאָר זיך אַ ביסל געלערנט דײַטש, און ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט אַ ייִדיש ליד האָב איך מצליח געווען עפּעס צו פֿאַרשטיין. כ׳בין יעמאָלט געווען אַן ערך צוועלף יאָר אַלט און אַ פֿרײַנד פֿון מײַנע טאַטע־מאַמע איז געקומען צו אונדז צו גאַסט און געזונגען „טום באַלאַלײַקע“. כ׳געדענק גאַנץ גוט אַז ס׳ליד האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן און טיפֿן רושם.

עס זענען פֿאַרבײַ יאָרן; כ׳האָב באַוויזן זיך צו לערנען אין אַ מאָסקווער העכערער טעאַטער־שול, מאַכן עטלעכע ווײַטע נסיעות, פֿאַרנעמען זיך מיט נאָך פֿאַרשידענע זאַכן. אין 1999 בין איך כּמעט צופֿעליק געפֿאָרן אויף דער קיִעווער פּראָגראַם פֿון וועלטראַט פֿאַר ייִדישער קולטור. די שפּראַך וואָס כ׳האָב דאָרטן געהערט (פֿאַקטיש דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן) און די מענטשן, מיט וועלכע כ׳האָב זיך דאָרטן באַקענט, האָבן אויף מיר שטאַרק משפּיע געווען. כ׳האָב זיך געלערנט ייִדיש כאָטשבע נאָר כּדי צו זײַן ביכולת שמועסן מיטן ייִדישן שרײַבער אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש, וועלכער איז געווען דאָרט איינער פֿון די לערערס. ער האָט מיר דערציילט וועגן זײַן היימשטאָט ווילנע, וועגן דעם גורל פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, וועגן זײַן טאַטנס טעאַטער, וועגן ווילנער גנבֿים און גאַסן־מיידלעך. כ׳האָב געפֿילט, אַז נאָך אַלע מײַנע זוכענישן האָב איך געפֿונען עפּעס זייער וויכטיקס און ממשותדיקס.

אומגעקערט זיך קיין מאָסקווע, האָב איך צוזאַמען מיט מאָטל פֿאַרבערן, מיט וועלכן כ׳האָב זיך באַקענט אויף דער קיִעווער פּראָגראַם, אָרגאַניזירט אין מאָסקווער הלל אַ סטודענטישן ייִדיש־צענטער. במשך פֿון אַ יאָר האָט זיך אין אים צונויפֿגעקליבן אַ יונגע חבֿרה און איין מאָל אַ וואָך זענען פֿירגעקומען אַלערליי אַקטיוויטעטן פֿאַרבונדן מיט ייִדיש.

די זומער־פּראָגראַם פֿון ייִוואָ און קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט, אויף וועלכער כ׳בין געפֿאָרן אין יאָר 2000, איז פֿאַר מיר געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע איבערלעבונג. כ׳וואָלט געזאָגט, אַז דאָרטן האָט מײַן ייִדיש אָנגעהויבן צו אָטעמען. עס איז געווען די איינציקע שפּראַך מיט וועלכער איך און מײַנע שכנים האָבן זיך באַניצט במשך פֿון זעקס וואָכן. מיר האָבן געשמועסט וועגן כּלערליי זאַכן: וועטער און שפּײַז, ביכער און מוזיק, גראַמאַטיק און גאָט. דער זומער איז פֿאַר מיר געוואָרן אַ שטיקל ייִדיש־רעדנדיקע היים וואָס כ׳האָב קיין מאָל נישט געהאַט אין רוסלאַנד.


YANKL SALANT

כ׳האָב באַקומען אַ געוואַלדיקע אינספּיראַציע און מוט ווײַטער אָנצוגיין מיט מײַן אינטערעס צו דער וועלט פֿון ייִדיש.

דערווײַל וויל איך זיך ווײַטער לערנען די ייִדישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע. דער מאָסקווער סטודענטישער ייִדיש־צענטער וועט הײַיאָר אויכעט ממשיך זײַן מיט זײַנע אַקטיוויטעטן.

## A YOUNG MUSCOVITE SPEAKS

**Yuri Vedeniapin (alum, ’oo)**

Born in 1980, I barely knew anything about Yiddish until I was twelve years old and a friend of my parents came and sang “*Tum Balalayka*”. This made a great impression on me.

In 1999 I went to a Yiddish seminar in Kiev. Abraham Karpinowicz, a Yiddish writer and one of the teachers there, told me about his native Vilna, about the fate of the Yiddish language and literature, about his father’s theater, about Vilna actors, thieves and prostitutes. I felt that after having searched for so long, I found something important and real.

YIVO’s Uriel Weinreich Summer Program at Columbia in which I participated in the year 2000 was an incredible experience for me. My Yiddish started breathing, it became full of life, of my own experiences. It was the only language that my roommates and I used throughout the whole six weeks. The summer was for me a kind of a Yiddish-speaking home, something I had never had in Russia.

In the meantime I am going to continue studying the Yiddish language and literature. The Moscow Student Yiddish Center, which I co-organized with Motl Farber in 1999, will also be continuing its weekly activities this year.

## Refresh Your Yiddish!
## פֿרישט אָפּ אײַער ייִדיש!
## URIEL WEINREICH PROGRAM 2001

June 25 - August 3. Contact Yankl Salant for information on how to register: tel 212-294-6138 • fax 212-292-1892 ysalant@yivo.cjh.org



*Siyem-hazman*, 1977. סיום־הזמן, 1977.

## 1968 (OR *ZUMER-PROGRAM* YEAR ONE)

"Priceless treasures that could immeasurably enrich the field of Jewish social science—and by the same token—the general domain of social science—remain to a large degree unutilized. For these treasures in the form of institutional records, minutes, books, epistolary collections, diaries, newspapers and journals are mostly in Yiddish, an adequate knowledge of which is uncommon among American researchers. To remedy this situation YIVO has planned and worked out the program now conducted jointly by Columbia University and YIVO." The above, excerpted from an article in *Yedies fun yivo/News of the YIVO* issue #106, March 1968, describes the founding motivation for the Uriel Weinreich Program in Yiddish Language (Literature and Culture were added to the name three years later).

Conceived as a starting point for high school seniors who would continue their Yiddish education in college, the Uriel Weinreich Program was first launched under the directorship of Dr. Marvin Herzog and sponsored by the Atran Foundation as an 8 week, non-credit elementary course with an enrollment of 25. With morning classes in Yiddish language taught by Mordkhe Schaechter and James Matisoff and an afternoon program including Yiddish folksongs and excursions to Yiddish places of interest, the first year was a success leading organically to much growth and evolution over the years.

PHOTO COURTESY OF YADJA ZELTMAN



Elementary class, 1979     אָנהייבער־קלאַס, 1979.

# YIVO ON THE MOVE

The last several years have been a "moving" experience at YIVO. First, a literal move in January 1999 has brought us to our modern, permanent site in the Center for Jewish History on West 16th Street in New York City. We continue to move forward under the leadership of Dr. Carl Rheins, YIVO Executive Director since September 1999.

YIVO is proud to outline briefly a small selection of its recent activities and accomplishments. A more detailed description of each item can be found in the Yiddish version on the facing page. To find out more about YIVO's activities in general, become a YIVO member and receive each issue of *Yedies fun YIVO / YIVO News*.

**American Immigrant Autobiography Project Launched— Editors: Dr. Daniel Soyer (alum '75, '76, '78) and Dr. Jocelyn Cohen (alum '97, '99)**

***The Standardized Yiddish Orthography* Published**

**YIVO Biweekly Academic Seminar in Yiddish**

**New YIVO CD: "Taybele and Her Demon" and Other Readings Performed in Yiddish by David Rogow; Produced by Donna Gallers (alum '99, '00)**

**YIVO's New Educational Program in Yiddish Culture (EPYC) for Eighth Grade Through High School**

***Poyln: Jewish Life in the Old Country* Wins 1999 National Jewish Book Award**

The above books and recordings can be purchased from The Shop in the Center for Jewish History (917-606-8220) and at the Workmen's Circle Jewish Book Center (800-922-2558, ext. 285).

## HELP US FIND MORE OF YOU!

**Alumni Database Report**

There are 1208 records of alumni through summer 2000. Of those, 262 are completely missing addresses, and of the 946 addresses we do have, many are out of date. On the other hand, 178 new information questionnaires (respresenting 15% of all alumni) have been received to date. However, we want a higher return!

**Help With Our Database**

How do we achieve that? We need your help. If you have not sent us your questionnaire, please contact Yankl Salant to obtain one. Send us names and addresses of other alumni with whom you are still in contact. We will do the rest. We just need the name of the person (including current name and name used during the *zumer-program*), their mailing address, e-mail address and phone number.

Contact Yankl Salant at YIVO Institute, 15 West 16 Street, New York, NY 10011-6301, USA; e-mail <ysalant@yivo.cjh.org>; 212-294-6138; fax 212-292-1892.

# דער ייִוואָ רירט זיך

די לעצטע פּאָר יאָר האָט דער ייִוואָ דורכגעמאַכט זייער אַ „רירנדיקע" צײַט. ערשטנס האָט זיך די אינסטיטוציע אַרײַנגעקליבן אָנהייב 1999 אין איר מאָדערנער, פּערמאַנענטער היים אינעם „צענטער פֿאַר ייִדישער געשיכטע" אויף 15 וועסט 16טע גאַס אין ניו־יאָרק. זינט סעפּטעמבער 1999 גייען מיר פֿאָרויס מיט דער אַרבעט אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון ד״ר קאַרל רײַנס, דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר.

דער ייִוואָ שטאָלצירט מיט דעם, וואָס מיר האָבן פֿאַר דער צײַט אויפֿגעטאָן. אָט איז אַן אָפּקלײַב פֿון אונדזערע לעצטע דערגרייכן. אויב איר ווילט זיך דערוויסן אַלצדינג, וואָס מיר טוען, זאָלט איר ווערן אַ ייִוואָ־מיטגליד און באַקומען יעדן נומער ידיעות פֿון ייִוואָ.

## ייִוואָ־אַנטאָלאָגיע פֿון אַמעריקאַנער אימיגראַנטישע אויטאָביאָגראַפֿיעס — אונטער דער רעדאַקציע פֿון צוויי געוועזענע זומער־פּראָגראַמניקעס

אַ דאַנק אַ גרויסער סובסידיע פֿון דער לאַנדישער פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער קולטור האָט דער ייִוואָ אָנגעהויבן אַ פּראָיעקט צוצוגרייטן און אַרויסצוגעבן אַ באַנד, אויף ענגליש, וואָס וועט אַרײַננעמען אַן אָפּקלײַב פֿון די העכער 220 אויטאָביאָגראַפֿיעס וואָס ער האָט באַקומען אין 1942, נאָך אַ קאָנקורס וואָס איז געווען פֿון די ערשטע אונטערנעמונגען נאָכן איבערקלײַבן זיך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. פֿון דעם פּראָיעקט וועט אַרויסקומען נישט נאָר דער באַנד, וואָס ער הייסט פּראָוויזאָריש „זיך אַראָפּצורעדן פֿון האַרצן", נאָר אויך אַ קאָמפּיוטעריזירטע דאַטן־באַזע פֿון די כּתבֿ־ידן מיט אַ רעזומע פֿון יעדער אויטאָביאָגראַפֿיע. דורך דעם וועט זײַן אַן אַ שיעור גרינגער פֿאַר די פֿאָרשערס, זיי זאָלן קענען באַניצן די מערקווערדיקע קאָלעקציע געשיכטע שבעל־פּה.

די רעדאַקטאָרן זענען ד״ר דניאל סאָיער (אַלומ׳ ’75, ’76, ’78), געהילף־פּראָפֿעסאָר פֿון געשיכטע בײַם פֿאָרדעם־אוניווערסיטעט, און ד״ר ליבע כּהן (אַלומ׳ ’97, ’99), וואָס איר דיסערטאַציע איז וועגן די אויטאָביאָגראַפֿיעס. זיי האָפֿן, אַז זומער 2001 וועט דער טיפּאָסקריפּט זײַן פֿאַרטיק.

## נאָך וואָס אַרויס דער איינהייטלעכער ייִדישער אויסלייג

נאָך אַ היפּשער צײַט און אַ היפּש ביסל אַרבעט איז אַרויס דער איינהייטלעכער ייִדישער אויסלייג, וואָס ס׳נעמט אַרײַן די נײַע, זעקסטע אויפֿלאַגע פֿון די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג, וואָס דער ייִוואָ מיט דער ציש״אָ (צענטראַלע ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן) האָבן אָנגענומען אין 1936. אין דעם נײַעם ביכל גייט אויך אַרײַן אַן אַרבעט פֿון ד״ר מרדכי שעכטער, „פֿון פֿאָלקשפּראַך צו קולטורשפּראַך: אַן איבערבליק איבער דער היסטאָריע פֿונעם איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג", ווי אויך אַ קיצור אויף ענגליש פֿון ד״ר הערשל גלעזער, דער מיטדעקאַן.

## אַקאַדעמישע ייִוואָ־סעמינאַרן אויף ייִדיש

דער ייִוואָ פֿירט דורך די לעצטע פּאָר יאָר מיט הצלחה אַן אַקאַדעמישן סעמינאַר אויף ייִדיש, אָנגעפֿירט פֿון ד״ר דוד פֿישמאַן (אַלומ׳ ’72, ’79, ’82) און ד״ר הערשל גלעזער (אַלומ׳ ’81, ’82). די צווייוואָכיקע פּרײַטיקדיקע סעמינאַרן האָבן צוגעצויגן אַ געזונטן עולם געלערנטע און גראַדויר־סטודענטן אין דעם פֿעלד מאַמע־לשון בפֿרט און מיזרח־אייראָפּעיִשע לימודים בכּלל. דאָס וואָס מיר פֿירן דעם סעמינאַר אויף ייִדיש איז אַ סימן ממשיך זײַן די ייִוואָ־טראַדיציע פֿון רעדן ייִדיש ווי אַן אַקטיווע שפּראַך אויף וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן און דיסקוסיעס.

צווישן די לעצטע רעדנערס זײַנען געווען פּראָפֿ׳ רחמיאל פּעלץ (אַלומ׳ ’77) פֿון דרעקסעל־אוניווערסיטעט, מאַרק קאַפּלאַן (אַלומ׳ ’95, ’97) פֿון ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, ד״ר איציק גאָטעסמאַן פֿון פֿאָרווערטס, רבֿקה מאַרגאָליס (אַלומ׳ ’97) פֿון קאַלאַמביע־אוניווערסיטעט, ד״ר עדינה צימעט זינגער, ד״ר הערשל גלעזער, ד״ר מענדל גאָלדסמיט פֿון קווינסער קאַלעדזש.

## ראָגאָווס נײַע טאַשמע/קאָמפּאַקט־דיסקל




ס׳איז איצט צו באַקומען די צווייטע פֿון אַ סעריע טאַשמעס/קאָמפּאַקט־דיסקלעך א״נ „טײַבעלע און הורמיזאַ" און אַנדערע שאַפֿונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, געלייענט פֿון דוד ראָגאָוו, אַקטיאָר, פֿאָרלייענער און אַ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער אינעם ייִוואָ. פּראָדוצירט עס האָט דינה גאַלערס (אַלומ׳ ’99, ’00). די טאַשמע/קאָמפּאַקט נעמט אַרײַן שאַפֿונגען פֿון: יצחק באַשעוויס זינגער, שלום־עליכם, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אַהרן צייטלין, זלמן שניאור, דער טונקעלער, חיים גראַדע, משה־לייב האַלפּערן און פּרץ מיראַנסקי.

אויך צו באַקומען איז די ערשטע טאַשמע ראָגאָווס א״נ **„באָנטשע שווײַג" און אַנדערע שאַפֿונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.**

## נײַע לערן־פּראָגראַם וועגן דער ייִדישער קולטור (EPYC)

דער ייִוואָ האָט איצט לאַנסירט די נײַע לערן־פּראָגראַם וועגן דער ייִדישער קולטור (EPYC) אין איינעם מיטן המשך־דור־קאָמיטעט און דעם ניו־יאָרקער ראַט פֿאַר ייִדישער דערציִונג. דורך דעם פּראָיעקט וועט מען איבערגעבן אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט וועגן מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן לעבן אין אַלע זײַנע שאַטירונגען. די לערן־פּראָגראַם צילעוועט אויף מיטלשולן, סײַ ייִדישע, סײַ מלוכישע. די פּראָגראַם פֿירט אָן ד״ר עדינה צימעט, וואָס האָט געלערנט אַ סך יאָרן אין דער זומער־פּראָגראַם.

## פּוילן קריגט אַ פּרעמיע

דער ייִוואָ איז שטאָלץ וואָס זײַן אויסגאַבע **פּוילן: ס׳ייִדישע לעבן אין דער אַלטער היים**, אַן אַלבאָם פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿונעם באַקאַנטן שרײַבער און פֿאָטאָגראַף אַלטער קאַציזנע, האָט געוווּנען די פּרעמיע פֿאַרן בעסטן ווערק וועגן ייִדישער שפּראַך און קולטור פֿון 1999 פֿונעם ייִדישן ביכערראַט. רעדאַקטירט דעם באַנד האָט מאַרעק וועב, הויפּט־אַרכיוואַר בײַם ייִוואָ; דער באַנד איז אַרויס בשותּפֿות מיטן פֿאַרלאַג „מעטראָפּאָליטען בוקס".

---

מיט באַשטעלונגען טעלעפֿאָנירט אין דער קראָם פֿונעם צענטער פֿאַר ייִדישער געשיכטע (917-606-8220) אָדער דעם ביכער־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג (212-889-6800, ליניע 285).

## FRIENDS OF THE *ZUMER-PROGRAM*

The *zumer-program* has been in existence for 33 years. It has been developing and growing each year and is the best program in the world for those seeking to immerse themselves in Yiddish language and culture for an intensive period.

YIVO would not be able to run such a successful program without the support of people who have dedicated themselves to its mission and have decided that it should continue each year with needed financial assistance.

Naturally we would like to honor those individuals and foundations who have given and still give that kind of support. Here is a list of endowments, scholarship funds and recent supporters, without which our students would not be able to attend the program.

## פֿרײַנד פֿון דער זומער־פּראָגראַם

די זומער־פּראָגראַם עקסיסטירט שוין 33 יאָר. זי אַנטוויקלט זיך און וואַקסט יעדעס יאָר און איז די בעסטע פּראָגראַם אויף דער וועלט פֿאַר די וואָס ווילן אויף אַן אינטענסיוון אופֿן זיך לערנען און פֿאַרטיפֿן אין דער ייִדישער שפּראַך און קולטור. דער ייִוואָ וואָלט נישט געקענט אָנפֿירן אַזאַ הצלחהדיקע פּראָגראַם אָן דער שטיץ פֿון מענטשן וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן איר מיסיע, וואָס האָבן באַשלאָסן צו זען, אַז זי זאָל ממשיך זײַן יעדעס יאָר אַ דאַנק זייער פֿינאַנציעלער שטיץ.

נאַטירלעך ווילן מיר אָפּגעבן כּבֿוד די יחידים און פֿונדאַציעס וואָס האָבן געגעבן און גיבן נאָך אַזאַ שטיץ. אָט זײַנען אויסגערעכנט אַלע סטיפּענדיע־פֿאָנדן און אַנומלטיקע שטיצערס, וואָס אָן זיי וואָלטן זיך ס'רובֿ סטודענטן נישט געקענט פֿאַרגינען דעם שׂכר־לימוד.

### Scholarship Funds and Recent Contributors

Dr. Zellig Bach Scholarship Fund
Rev. Samuel A. Baker Memorial Scholarship
Scholarship in Honor of Joel and Lillian Cohen
Leah (Manya) Eisenberg Scholarship Fund
Aaron and Sonia Fishman Foundation for Yiddish Culture
Forward Association
Fruchtbaum Foundation
Abe Goldberg Yiddish Language Scholarship Fund
Ester Kodor Koyn-Priz Far Yidish-Lerers
Jaime Constantiner
Frances Litwer Krasnow Memorial Scholarship
Nita Binder Kurnick Scholarship
Shmuel Lapin Memorial Scholarship
Leib Lensky Scholarship Fund in Memory of Sara and Meir Kshiensky
The Max and Anna Levinson Foundation
Sara Norich Memorial Scholarship
Golda Masha Plotkin Scholarship
Bessy L. Pupko Scholarship Fund in Memory of Zelig, Abraham and Joseph (Osia) Pupko and Paula Pupko Olkenitzkaya
Stuart Schear (alum '75, '76, '78)
The Ruth & Misha Schneider Memorial Fund
Sholem Aleichem Shul 21 Cultural Center
Louis Williams Scholarship Fund
Norman and Rosita Winston Scholarship Fund
Harry and Celia Zuckerman Scholarship

### סטיפּענדיע־פֿאָנדן און אַנומלטיקע שטיצערס

סטיפּענדיע־פֿאָנד א״נ לאה (מאַניע) אײַזנבערג
סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון רעוו' שמואל א. בעקער
סטיפּענדיע־פֿאָנד א״נ ד״ר זעליג ב״ק
סטיפּענדיע־פֿאָנד פֿאַר ייִדישער שפּראַך א״נ אַבֿרהם גאָלדבערג
סטיפּענדיע־פֿאָנד א״נ לויִס וויליאַמס
סטיפּענדיע־פֿאָנד א״נ נאָרמאַן און ראָזיטאַ ווינסטאָן
סטיפּענדיע א״נ יואל און ליליען כּהן
סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון שמואל לאַפּין
די מאַקס און אַנאַ לעווינסאָן־פֿונדאַציע
סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון שׂרה נאָריך
בתיה ל. פּופּקאָ־סטיפּענדיע־פֿאָנד אין אָנדענק פֿון זעליג, אַבֿרהם און יוסף (אָסיאַ) פּופּקאָ און פּאָלאַ פּופּקאָ אָלקעניצקאַיאַ
סטיפּענדיע א״נ גאָלדע מאַשע פּלאָטקין
פֿאָרווערטס־אַסאָסיאַציע
אַהרן און סאָניע פֿישמאַן־פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער קולטור
פֿרוכטבוים־פֿונדאַציע
סטיפּענדיע א״נ האַרי און צעליע צוקערמאַן
אסתּר קאָדאָר כּהן־פּריז פֿאַר ייִדיש־לערערס
חיים קאָנסטאַנטינער
סטיפּענדיע א״נ ניטאַ בינדער קורניק
סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון פֿראַנסיס ליטווער קראַסנאָוו
לייב לענסקי־סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון שׂרה און מאיר קשענסקי
שלמה שער (אַלומ' 75', 76', 78')
שלום־עליכם־שול 21־קולטור־צענטער


A song performed at the 1976 *siyem-hazman.*
מע זינגט אַ ליד אויפֿן סיום־הזמן 1976.


**For information about Planned Gifts to YIVO, contact Ella Levine, Director of Development: 212-294-6128.**

## REMEMBER YIVO IN YOUR WILL
## שרײַבט ייִוואָ אַרײַן אין אײַער צוואָה

**כּדי אויסצוגעפֿינען וועגן פּלאַנירטע מתּנות דעם ייִוואָ, פֿאַרבינדט זיך מיט עלאַ לעווין, אַנטוויקלונג־דירעקטאָר: 212-294-6128.**


**Look for *ZUMER IN NYU-YORK* on the web soon!**
**Find additional articles there, along with lists of students for whom we need contact information.**
**Go to the URL, www.yivoinstitute.org, follow the link for "Courses," then the link for "Uriel Weinreich Program."**